**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 3/11/2022 **גאווערנער קעטי האוקול**

**גאווערנער האוקול מעלדט אויס פראיעקט לעיבאר אפמאך פאר לאנג איילענד געזעלשאפטליכע ארבעט פראיעקטן**

***DASNY* וועט אויסארבעטן אפמאך צו העלפן פארבעסערן קאנסטרוקציע פראיעקטן אין נעסאוי און סופאלק**

***צולייגן דזשאבס אין דער ענווייראָנמענט סעקטאר צו העלפן עררייכן די צילן פון די קלימאט פירערשאפט און קאמיוניטי באשיצונג געזעץ***

***פייפליין פאר פאמיליע אויסהאלטעוודיגע קאנסטרוקציע קאריערעס דורך יוניאָן אויסשול-ארבעטער פראגראמען***

***גאווערנער וועט באשטימען לעיבאָר פארשטייער צו קלימאט אקציע קאונסיל***

גאווערנער קעטי האוקול האט היינט געמאלדן אז די דארמיטארי אויטאריטעט פון דעם סטעיט ניו יארק וועט אויסארבעטן א פראיעקט לעיבאר אפמאך אין צוזאמענארבעט מיט די לאנג איילענד קאנסטרוקציע לעיבאָר יוניאָנס וועלכע וועלן געניצט ווערן אויף גרויס-פארנעמיגע פראיעקט וואס DASNY נעמט אונטער אויף לאנג איילענד. די גאווערנער האט אויך פארשפראכן צו באשטימען א פארשטייער פון ארגאניזירטע לעיבאָר צו דעם גאנץ-סטעיט׳יגן קלימאט אקציע קאונסיל, באאויפטראגט מיט איינפירן די קלימאט פירערשאפט און קאמיוניטי באשיצונג געזעץ.

״ניו יארק לאזט זיך אין גאנג אויפ׳ן גרעסטע עקאנאמישן אומקער וואס מיר האבן געזען סיי ווען, און לאנג איילענדער וועלן שפילן א קריטיש-וויכטיגע ראלע אין דעם אומקער,״ **האט גאווערנער האוקול געזאגט.** ״די צוזאמארבעט מיט לאנג איילענד קאנסטרוקציע לעיבאָר יוניאָנס איז א קריטיש-וויכטיגע אופן צו פארזיכערן אז אונזערע הויפט פראיעקטן וועלן נישט נאר ליפערן רעזולטאטן פאר לאנג איילענדער נאר אויך שאפן גוט באצאלטע דזשאבס און גלעכגהייטן פאר אונזער ארבעטסקראפט. ניו יארק איז געבויט געווארן דורך ארבעטער, און מיר שטאלצירן זיך צו שטיין מיט פרויען און מענער פון ארגאניזירטע ארבעטסקראפט.״

פראיעקט לעיבאר אפמאך (PLA) זענען בעפאר-אויפנעמונג געמיינזאמע פארהאנדלונגען אפמאכן מיט איין אדער מער ארבעטסקראפט ארגאניזאציע וועלכע שטעלט אוועק אין אלגעמיין די טערמינען און באדינגונגען פון באשעפטיגונג פאר ספעציפישע קאנסטרוקציע פראיעקט. דער PLA וואס וועט אויסגעארבעט ווערן וועט אפשפיגלען די טערמינען און באדינגונגען פאר אלע פראיעקטן DASNY נעמט אונטער אויף לאנג איילענד העכער א געוויסע אפגעמאכטע סומע.

DASNY האט א לאנגע היסטאריע פון ערפאלגרייך ניצן PLAo לענגאויס דעם סטעיט צו ליפערן הויכע-קוואליטעט ארבעט באצייטנס און אינ׳ם בודזשעט אויף פילצאליגע גרויסע, קאמפליצירטע פראיעקטן. אין צוגאב, וועט DASNY ארבעטן מיט לעיבאָר אויסצוארבעטן פּייפליינס פאר איינוואוינער צו פאמיליע-אויסהאלטעוודיגע קאריערעס אין קאנסטרוקציע דורך איבערצייגטע יוניאָן אויסטרענירונג-ארבעטער פראגראמען.

**דארמיטארי אויטאריטעט פון דער סטעיט ניו יארק פרעזידענט און CEO רובען אר. מעקדעניעל דער דריטער, האט געזאגט,** ״אין די ערפארונג פון DASNY, שטעלן צו פראיעקט לעיבאר אפמאכן סטרוקטור און סטאביליטעט צו גרויסע קאנסטרוקציע פראיעקטן וועלכע באשיצן ארבעטער און העלפן רעדוצירן פארשפעטיגונג וועלכע העכערן די אויסגאבן פאר שטייער-צאלער. מיר קוקן ארויס אויף צו אנטוויקלען דער PLA אויף לאנג איילענד און ארבעטן מיט לעיבאָר אויף א וויכטיגע איניציאטיוו וועלכס וועט זיין א טובה פאר די ארבעטער פון נעסאוי און סופאלק קאונטיס.״

**פרעזידענט פון דעם ניו יארק סטעיט געבוי און קאנסטרוקציע האנדלס קאונסיל גערי לאבארבערא האט געזאגט,** ״א פראיעקט לעיבאר אפמאך פאר דער גאנצער קאונטי אויף לאנג איילענד מיט דער דארמיטארי אויטאריטעט פון סטעיט ניו יארק וועט אויפטרייבן הונדערטער מיליאנען דאלארען אין פראיעקטן יעדעס יאר און שאפן טויזנטער באדייטנספולע פאמיליע-אויסהאלטעוודיגע קאריערעס פאר אונזערע שווער-ארבעטנדע פאכלייט. איך אפלאדיר גאווערנער האוקול פאר איר אויסגעצייכנטע פירערשאפט און טיפע איבערגעגעבנקייט צו פאראויס-ברענגען פראיעקטן וועלכע בויען קאמיוניטי, דעם מיטל-קלאס, און שטארקע מעגליכקייטן פאר׳ן סטעיט ניו יארק.״

**פרעזידענט פון נעסאוי און סופאלק געבוי און קאנסטרוקציע האנדלס קאונסיל מעטיו אראסיטש האט געזאגט,** ״איך וויל דאנקען גאווערנער האוקול פאר׳ן זיין א שטענדיגע און שטארקע אדוואקאט פאר׳ן ארבעטסקראפט. דער DASNY PLA פאר לאנג איילענד וועלן גאראנטירן אז אלע הויפט קאנסטרוקציע מוזן ניצן יוניאָן, געבוי האנדלערייי און ארטיגע ארבעטסקראפט פון היינט און ווייטער. דאס איז א הויפט גרייכפונקט פאר אונזער אינדוסטריע און דער PLA וועט טון מער ווי בלויז צושטעלן ארבעט פאר אונזערע 65,000 מיטגלידער, נאר עס וועט אויך ערמעגליכן דאס פארברייטערן געלעגנהייטן פאר מענער און פרויען פון קאליר, פארברייטערן דיווערסיטעט, און שאפן מיטל-קלאס דזשאבס פאר די פאר וועמען עס קומט זיך.״

**פרעזידענט פון דער לאנג איילענד פעדערעישען פון לעיבאָר AFL-CIO דזשאן דורסא האט געזאגט,** ״דאס אויספירן פראיעקט לעיבאר אפמאכן אויף געזעלשאפטליכע ארבעט איז גוטע פובליק פאליסי. גאווערנער האוקול וועט שטערקער מאכן אונזער עקאנאמיע און אוועקשטעלן באשיצונגען פאר ארבעטער לענגאויס לאנג איילענד מיט׳ן פליק פון איר פעדער. פראיעקט לעיבאר אפמאכן באטן אן סאציעלע און עקאנאמישע מעלות צו באשיצן די געלט פון שטייער-צאלער און הייבן די דערנידערונג-דרוק אויף ארבעטער געהאלטן. אן ענדגילטיגער אפמאך וועט צושטעלן צו DASNY זיכערקייט און וועט ערמעגליכן דאס פאראויס-זען און קאנטראלירן ארבעטסקראפט אויסגאבן, א זאך וואס וועט צוגעבן ריזיגע ווערד דורכאויס די אומסטאבילע עקאנאמישע צייטן.״

DASNY פארענדיגט הונדערטער מיליאנען דאלארען פון קאנסטרוקציע פראיעקטן יעדעס יאר און איז א קריטיש-וויכטיגער צוזאמארבעטער אין בויען אנגעהאלטענע אינפראסטרוקטור פראיעקטן וועלכע סערווירן די געזונטהייט פון ניו יארקער, בילדונגס און מענטשן-סערוויס געברויכן. די פראיעקטן העלפן שאפן דזשאבס, שטיצן ניו יארק׳ס עקאנאמיע, אונטערשטיצן סטעיט אינסטאנצן, און פארשטערקערן ניו יארק׳ס קאמיוניטיס.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418